# מיט א טיפערן בליק

## פרשת צו - שבת פרה תשפ"ד

# וואו לויפט מען?!

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

די תורה הקדושה אין פרשת צַו פאנגט אָן מיט די מצוה פון תרומת הדשן און הוצאת הדשן, דער אייבישטער זאגט פאר משה רבינו, צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה וגו' עס האט געברענט א פייער אויפן מזבח במשך די גאנצע נאכט און פארברענט די קרבנות וואס מ'האט מקריב געווען אינעם נעכטיגן טאג, און ווען עס קומט אינדערפרי איז פאראן א ספעציעלע מצוה אז דער כהן זאל אנטוהן בגדי כהונה און ארויפגיין אויפן מזבח מיט א מַחְתָּה (א קליינע שאוול) אין זיינע הענט, וְהֵרִים אֶת הַדֶּשֶׁן אֲשֶׁר תֹּאכַל הָאֵשׁ וגו' וְשָׂמוֹ אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ, און מען דארף אפשיידן אביסל אַש וואס האט זיך אנגעזאמלט אויפן מזבח, און ער לייגט עס אראפ אויפן ערד אין די עזרה נעבן די מזבח.

און דערנאך האט מען טאקע מסדר געווען די מזבח יעדן טאג, מען האט עס אפגערייניגט און אוועקגעריקט די איבעריגע אַש אין א זייט, און אנגעגרייט די נייע מערכה פון פרישע האלץ און עס אנגעצינדן כדי צו קענען מקריב זיין דארט די היינטיגע קרבנות.

אזוי אויך ווען די מזבח ווערט שטארק אנגעפילט מיט אַש, איז פאראן די מצוה פון "הוצאת הדשן" ארויסטראגן די אַש פונעם מזבח אינדרויסן פון די מחנה, צו וועלכע דער כהן האט געדארפט אנטוהן ספעציעלע קליידער כדי די געוועגליכע בגדי כהונה זאלן נישט שמוציג ווערן, און אזוי טראגט ער ארויס די אַש אין א גרויסע כלי און ער לייגט עס אוועק אויף א ריינעם ארט אינדרויסן פון שטאט.

### די דיוקים און באמערקונגען אין מצות תרומת הדשן

צום ערשט לאמיר מדייק זיין אינעם לשון הפסוק, מיר געפונען דא א לשון וואס שטייט נישט קיין סאך אין די תורה, השי"ת זאגט דא "צַו" אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר, דו זאלסטו באפעלן אהרן מיט זיינע קינדער, עס שטייט נישט די געוועגליכע לשון פון אמירה אדער דיבור וכדומה. און **רש"י** זאגט טאקע "אין צו אלא לשון זרוז מיד ולדורות" אז דער לשון פון 'ציווי' באדייט ווען מ'איז מְזָרֵז און מ'באפעלט א זאך אויף א שטערקערע אופן אז מ'זאל זיך אונטערגארטלען און זיך מזרז זיין דאס מקיים צו זיין. וואס איז טאקע דער ענין פון זירוז וואס ווערט דוקא דא ביי די מצוה פון תרומת הדשן?.

נאך דארף מען פארשטיין, וואס איז בכלל די כוונה און דער ענין פון די מצוה. אין **ספר החינוך** (מצוה קל"א) שטייט ביי די מצוה פון תרומת הדשן, "משרשי מצוה זו, מה שכתבנו למעלה, **להגדיל כבוד הבית ולהדרו בכל יכלתנו... ונוי הוא למזבח לפנות הדשן ממקום שראוי להדליק בו האש, ועוד שהאש דולק יפה כשאין תחתיו דשן**". אז די שורש און דער טעם המצוה איז, כדי מען זאל מכבד זיין און האלטן שיין דעם בית המקדש, און דעריבער דארף מען טאקע אפריינינגן דעם מזבח פון אַש און אנגרייטן דאס פלאץ צו קענען אנצינדן דארט די נייע פייער. און אויך וויבאלד די נייע פייער וועט נישט ברענען גוט אויב ס'געפונט זיך אַש אונטער דעם, דערפאר דארף מען אפליידיגן דאס פלאץ און עס אהערשטעלן אז מ'זאל קענען אנצינדן דארט די נייע מערכה.

אבער אויב די כוונה פון די מצוה איז צו ריינינגן און שיין מאכן די מזבח, דארף מען פארשטיין פארוואס האט דוקא די פְּרַט פון 'תרומת הדשן' זוכה געווען צו ווערן א באזונדערע מצוה אין די תורה? מען האט דאָך כסדר געדארפט אפריינינגן און אויפרוימען אין די גאנצע עזרה, לדוגמא, ווי חז"ל זאגן אונז אז יעדן ערב שבת האט מען אפגעוואשן די מזבח מיט א שמאטע צוליב די בלוט וואס מ'האט געשפריצט דערויף, אדער ערב פסח ווען די כהנים זענען געגאנגען ביז זייערע קניען אין בלוט, און דערנאך האט מען געדארפט אפשווענקן די ערד פון די עזרה, איז געווען א ספעציעלע סדר וויאזוי מ'האט פארשטאפט די לאָך פונעם 'אַמַּת המים' וואס איז געווען ווי א קליינע קאנאל פון וואסער וואס פלעגט אדורכלויפן אין די עזרה, און אזוי האט די וואסער נישט געקענט אראפגיין, און ס'איז כסדר צוגעקומען נאך און נאך פרישע וואסער ביז ס'איז איבערגערינען און אזוי האט עס אפגעשווענקט די גאנצע ערד, און נאכדעם וואס מ'האט אלעס אפגעוואשן האט מען ארויסגעלאזט די וואסער צוזאמען מיט די בלוט. מיר געפונען אבער נישט אין ערגעץ אז דאס ריין מאכן דעם בית המקדש זאל ווערן גערעכנט ווי א מצות עשה.

און לאמיר גיין א טראפ טיפער, חז"ל דערציילן אונז אז נאכדעם וואס דער כהן האט אראפגעלייגט די אַש אויפן ערד נעבן די מזבח, האט פאסירט א נס און די אַש איז געווארן איינגעשלינגן אין די ערד פון זיך אליינס.

וואס איז געווען דער צורך פון אזא נס? און איבערהויפט ביי אזא עבודה וואס האט לכאורה נישט קיין באזונדערע חשיבות, מ'רעדט דאָך סך הכל נאר פון אפגעשיידעטע אַש וואס איז שוין אינגאנצן פארברענט און האט נישט אין זיך קיין שום קדושה און קיין שום ממשות פון א קרבן, און פארוואס האט דא אויסגעפעלט אז עס זאל פאסירן אזא גרויסע נס אז די אַש זאל פארשוואונדן ווערן?.

### פארוואס האבן די אידן 'הנאה' געהאט

שטייענדיג אין די טעג נאך פורים וואס זענען נאך געוויס פארבינדן מיט די קדושה פון ימי הפורים, און בפרט ווי די **מפרשים** זענען מדייק דעם

לשון אין די מגילה (ט' כ"א) "וְהַחֹדֶשׁ" אֲשֶׁר נֶהְפַּךְ לָהֶם מִיָּגוֹן לְשִׂמְחָה וּמֵאֵבֶל לְיוֹם טוֹב, וואס איז משמע אז די גאנצע חודש אדר איז איבערגעדרייט געווארן פון טרויער צו פרייד און ווערט גערעכנט ווי א יום טוב, קענען מיר זיך נאך פארטיפן און מתבונן זיין אין די ענינים פון ימים הפורים.

די גמרא זאגט אין **מסכת מגילה** (דף י"ג.) "ליכא דידע לישנא בישא כהמן" קיינער האט נישט געקענט אזוי גוט רעדן לשון הרע ווי המן הרשע, ווען המן האט גע'עצה'ט אחשורוש אז ער זאל פארלענדן די אידן, האט אחשורוש געזאגט איך האב מורא פון זייער גאט וואס ער איז זיך נוקם אין די פיינט פון די אידן אזויווי ער האט שוין געטוהן צו די פריערדיגע קעניגן און פעלקער וואס האבן געטשעפעט מיט די אידן, האט המן געענטפערט "יְשָׁנוּ מן המצוות" זיי זענען שוין געווארן אלט און פארשלאפן פון די מצוות (ווי עס איז מרומז אינעם לשון הפסוק וואס המן האט געזאגט '**יֶשְׁנוֹ**' עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד בֵּין הָעַמִּים, וואס איז מרמז אויף ישנו מן המצוות) און דעריבער האט זיי השי"ת שוין נישט ליב ח"ו און ער וועט זיך נישט אננעמען פאר זיי.

און באמת געפונען מיר טאקע אזוי, אז כלל ישראל איז ליידער דעמאלטס געווען אין אזא מצב פון ישנו מן המצוות ח"ו. ווי די גמרא זאגט דארט אביסל פריער (דף י"ב.) אז די תלמידים פון רבי שמעון בן יוחאי האבן געזאגט די טעם פארוואס ס'איז נגזר געווארן אויף כלל ישראל די גזירה פון המן להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים, "מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע" ווייל זיי זענען געגאנגען און הנאה געהאט ביי די סעודה פון אחשורוש.

די **ספרים** פרעגן אבער, צו דען האבן די אידן דעמאלטס געהאט א ברירה? זיי זענען דאָך געווען געצווינגען צו גיין צו די סעודה וואס דער מלך האט פאררופן און זיי האבן זיך נישט געקענט ארויסדרייען דערפון, ס'איז געווען א ענין פון כבוד מלכות און פיקוח נפש, אויב אזוי וואס איז די טענה אז זיי זענען געגאנגען.

נאר ווי די ספרים הקדושים ערקלערן, שטייט טאקע די תשובה קלאר אין די ווערטער פון די גמרא. די טענה איז נישט געווען אויף דעם וואס זיי זענען 'געגאנגען' צו די סעודה, ווייל זיי זענען באמת געווען געצווינגען. די טענה איז אבער געווען מפני 'שנהנו' מסעודתו של אותו רשע, פארוואס האט איר הנאה געהאט? ממילא אז מ'גייט געצווינגענערהייט און מ'זיצט דארט אומבאקוועם בלית ברירה, איז איין זאך, אבער צו גיין און הנאה האבן און זיך דערקוויקן דארט? דאס האט מען נישט געמעגט!.

און ווי דער **חתם סופר** זאגט נאך מער, די אידן וואלטן זיך געדארפט אָנעסן אינדערהיים איידער זיי גייען ארויס צו די סעודה, אזוי וואלטן זיי שוין נישט געהאט קיין אפעטיט צו עסן ביי די סעודה, און דער דין איז אז ווען א מענטש עסט 'אכילה גסה' בשעת ער איז אין א מצב ווען ער איז בכלל נישט מסוגל צו עסן, דאס ווערט נישט גערעכנט ווי אן אכילה, און אפילו אויב ער עסט דעמאלטס א מאכל איסור איז ער נישט חייב קיין עונש אויף דעם. דאס וואלטן די אידן געדארפט דעמאלטס טוהן כדי זיי זאלן נישט האבן קיין שום תענוג בשעת זיי עסן ביי די סעודה פון אחשורוש.

**וואו דער מענטש שפירט זיין תענוג און חיות**

וואס אז מ'וועט אריינטראכטן וועט מען באמערקן אז די צוויי זאכן גייען אינאיינעם. ווען די 'הנאה' פון א איד געפונט זיך ביי די סעודתו של אותו רשע, ער לעבט און ער שעפט חיות אין פלעצער וואו מען דארף נישט און וואו מ'טאר נישט, איז דאס א סימן אז ס'איז "ישנו מן המצוות". ווייל מ'קען נישט טוהןביידע, א איד וואס לעבט מיט א געשמאק אין תורה און מצוות און ער שפירט דארט זיין סיפוק, אזא איינער גייט צו די סעודת אחשורוש געצווינגענערהייט, און ער גדעדנקט טאקע זיך אנצוועסן פארדעם אין שטוב ווייל ער וויל נישט קענען הנאה האבן דארט.

**הרה"ק רבי מרדכי פון לעכאוויטש זי"ע** האט געטייטשט: "מָה אָנוּ, מֶה חַיֵּינוּ" אויב א מענטש קלערט צו זיך און ער וויל וויסן וואס בין איך באמת, מָה אָנוּ? דאן קוק "מֶה חַיֵּינוּ" פון וואס קומט מיין חיות? ביי וועלכע זאכן לעב איך אויף און איך טוה עס מיט א ברען און מיט א פרישקייט?. ווייל די מציאות איז אז א מענטש 'לעבט' נישט אין צוויי פארקערטע זאכן, איינער לעבט אין רוחניות, און איינער לעבט אויף ווען ס'קומט צו גשמיות...

און דאס קען מען זייער גרינג באמערקן און וויסן וואו דער מענטש האט זיין חיות. אמאל קען זיין איינער וואס ער 'טוט אלעס וואס מען דארף' און ער איז ח"ו נישט עובר קיין שום עבירה, אבער די אופן וויאזוי ער גייט צו צו די קיום המצוות, די טרוקנקייט און אויסגעלאַשנקייט וואס באהערשט איהם יעדעס מאל ער איז עוסק אין א דבר שבקדושה, און להבדיל פארקערט, ווען עס קומט צו פארברענגען די צייט מיט נארישקייטן אדער עוסק זיין אין גשמיות'דיגע זאכן, פלוצלינג ווערט ער ממש נהפך לאיש אחר, ער לעבט אויף אלע באקן, עס ברענט אין איהם א פייער און א געשמאק.

איך דערמאן זיך וואס כ'האב זוכה געווען צו הערן ביי א געלעגנהייט פון **מו"ר הגאון רבי יצחק דוב קאפעלמאן ראש ישיבת לוצערן זצ"ל**. געווען איז דאס סוף זמן אין ישיבה ווען רוב בחורים זענען שוין אהיימגעפארן צו זייערע שטעט, און הרב קאפעלמאן זצ"ל איז אריינגעקומען אינעם ליידיגן בית המדרש און באמערקט אז עס זענען געבליבן ליגן אויף די טישן עטליכע גמרות פון בחורים וואס האבן עס נישט אהיימגעטראגן מיט זיך, און דאס האט איהם פארשאפט צער זעענדיג אז די בחורים שעצן נישט גענוג שטארק די גמרא אין וועלכע זיי האבן געלערנט במשך די גאנצע זמן. האט ער זיך געגעבן אזא רוף אָן ווי צו זיך אליינס, **"א בחור וואס האט ליב די גמרא נעמט עס אהיים מיט זיך! להבדיל פונקט ווי א גוטע בעל מלאכה גלייכט זיינע אייגענע כלים און קלאַפערגעצייג**

**צו וואס ער איז צוגעוואוינט, און ער איז מקושר מיט זיי, דאס זעלבע איז מיט איינער וואס האט געלערנט ווי עס דארף צו זיין"...**

יעצט יעדער פארשטייט אליינס אז ס'איז נישט קיין 'תנאי' אז צו זיין א גוטע בחור מוז מען דייקא אהיימנעמען די גמרא פון ישיבה, אבער עס זענען פארהאן געוויסע 'סימנים' און א מציאות וואס צייגן די קשר און די ליבשאפט צו די גמרא. פונקט ווי ביים בעל מלאכה איז עס נישט חוק ולא יעבור אז ער מוז ליב האבן זיינע אייגענע כלים, אבער ס'איז א פאַקט אז א מסודר'דיגע און אחריות'דיגע ארבייטער ווערט צוגעוואוינט צו זיינע כלים און ער וויל פארבלייבן מיט זיי, און דעריבער היט ער זיי אפ און ער פארלירט זיי נישט און פארגעסט זיי נישט. עס איז פשוט די מציאות.

**פורים ווערט נתעורר די אהבה און די שמחה צו קיום המצוות**

נחזור לענינינו, ווי פריער דערמאנט האט די גאנצע שלעכטע גזירה בימי מרדכי ואסתר געוועלטיגט אויף כלל ישראל בלויז צוליב דעם ווייל מ'איז געווען פארשלאפן און נאכגעלאזט אין תורה ומצוות, זיי האבן נישט 'געלעבט' און הנאה געהאט פון עבודת השי"ת, נאר פון די פארקערטע רח"ל.

אבער ווען עס איז מקויים געווארן ונהפוך הוא און די גזירה איז בטל געווארן, דעמאלטס האט טאקע פאסירט "הדר קבלוה מאהבה" ווי חז"ל זאגן, די אידן זענען צוריק נתלהב געווארן און נתקרב געווארן צום אייבישטער, זיי האבן מקבל געווען די תורה מיט ליבשאפט און שמחה נאך מער ווי ביי מתן תורה אליינס.

און דאס איז א זאך וואס זעהט זיך אָן לדורות, ווען עס קומען צו גיין די לעכטיגע ימי הפורים ווערט נתעורר די אהבה און די שמחה ביי כלל ישראל. מ'קען טאפן אין די לופט די רגש און התעוררות, די שמחה און דערהויבנקייט, עס ווערט נתעורר א געוואלדיגע אהבה צווישן אידישע קינדער, עס איז פארהאן א מידת הנדיבות פון געבן און פארגינען איינער פארן אנדערן, אידן וויינען זיך אויס און זענען פושט יַד צו אבינו שבשמים, מען טוט זאכן וואס מען טוט נישט א גאנץ יאר. אלעס שטאמט פון אט די "הדר קבלוה מאהבה" און די פארקערטע פון ישנו מן המצוות, אדרבה, די התעוררות איז גרויס און דאס הארץ לעכצט און שפירט צו עפעס העכער און גרעסער. [און דער וואס האט עס נישט מרגיש געווען, דארף באטש אויסנוצן די טעג און ארבעטן אויף זיך צו וועלן זיך מיטכאפן מיט'ן כלל און וועלן זוכה זיין יא צו ווערן באנייט מיט א שמחה און א תענוג אין עבודת השי"ת ווי מיר וועלן זעהן ווייטער בס"ד].

**אריינברענגען אין זיך די געפיל דורך הכנה למצוה**

דעריבער יעצט ווען מיר גייען אוועק פון אזא דערהויבענע פורים און פון די הדר קבלוה מאהבה, דארף מען אודאי מאכן זיכער 'מיטצונעמען' מיט זיך די אורות און די השפעות פונעם פורים, און זיך דערווייטערן וואס מער פונעם מצב פון ישנו מן המצוות, נאר אריינברענגען אין זיך די חיות און די שמחה של מצוה ביי יעדער דבר רוחני, אז דאס זאל ווערן אונזער הויפט תענוג און הנאה.

וואס איז טאקע די עצה אז א איד זאל קענען איינווארצלען אין זיך די אהבה און די שמחה צו תורה און מצוות? איז כדי לשבר את האוזן לאמיר זיך באנוצן בלויז מיט א קליינע און פשוט'ע משל:

ראובן האט ליב צו זיין א עוסק במצוה און אנצינדן די ליכט וואס שטייען ביים עמוד פונעם בעל תפלה אין בית המדרש. ער האט פייער ביי זיך אין טאש, און איידער ער שטעלט זיך דאווענען שפאצירט ער צו צום עמוד און ער צינדט אָן די צוויי קביעות'דיגע ליכט וואס דער שמש האט אנגעגרייט, ער מורמלט אונטער דעם נאמען פון עפעס א צדיק פאר וועמען ער צינדט לעילוי נשמת, און מיט דעם ענדיגט זיך זיין 'עבודה' מיט די ליכט.

אין א צווייטע בית המדרש דאווענט שמעון, וואס האט גענומען אויף זיך די מלאכת הקודש פון אהערשטעלן די ליכט ביים עמוד. אבער שמעון הייבט אָן פון אנהייב. ער קויפט איין די ליכט אין געשעפט, ער ברענגט עס אין בית המדרש אריין, און יעדע שטיק צייט מאכט ער טאקע זיכער אריינצוקוקן אינעם שאכטל זעהן וויפיל ס'איז נאך דא. יעדן טאג קראצט ער אויס די לייכטער פון די איבערגעבליבענע וואקס און ער רייניגט אוועק די שיריים פון די אלטע ליכט, און פון צייט צו צייט פיצט ער אפ די לייכטער. שפעטער שטעלט ער אריין די נייע ליכט און מאכט זיכער אז זיי שטייען גוט, אדער ער גיסט אריין די שמן זית אין די גלעזלעך, און דערנאך צינדט ער זיי אָן.

יעדער פארשטייט אלייס וועלכע פון די צוויי מענטשן טוט די מצוה מיט א רגש און געפיל, מיט א חביבות המצוה און א געשמאק.

ווייל וויפיל מער א מענטש איז מחשיב יעדע פְּרַט און יעדע קליינגקייט פון די מצוה, ער איז משקיע כוחות אין די הכנה למצוה, ער 'פּאָרעט' זיך ארום די מצוה, און מאכט זיכער אז אלעס ווערט געטוהן הונדערט פראצענט, בויעט עס אויף זיין קשר און זיין געפיל צו די מצוה. אז מען 'פאלט נישט אריין אין די מצוה' אין די לעצטע רגע, דעמאלטס קען מען זיך מקשר זיין און זוכה זיין צו שפירן א טעם אין די מצוה.

און דאס קען געטוהן ווערן אויף גאר אסאך אופנים: ווען עס קומט צו גיין א יום טוב, קען מען זיך פיזיש גרייטן און אנטייל נעמען אין די הכנות צום יום טוב. ווען א איד לייגט צו א פלייצע צו העלפן אין שטוב ווייל באלד קומט שוין פסח, און ער העלפט אויסרוימען דעם חמץ, און ער טראכט ביי זיך מיט כוונה אז ער איז מקיים די מצוה פון תַּשְׁבִּיתוּ שְׂאֹר מִבָּתֵּיכֶם, און אז ער איז מקיים דעם רצון ה'. אדער ווען א איד גיבט אוועק צייט עוסק צו זיין אין הלכות פסח, אדער לערנען און מעיין זיין אין ספרים הקדושים וואס זענען מעורר דעם הארץ. ער ברענגט זיך אריין מיט א

הכנה און א התעוררות צו די מצוה, דאס העלפט איהם אויפבויען די געפיל און די חביבות צו די מצוה, אז עס זאל נישט געטוהן ווערן בלויז אויף יוצא צו זיין, נאר עס זאל געטוהן ווערן מיט עכטע חשק און שמחה ווי עס דארף צו זיין.

**די זירוז מיד ולדורות עוסק צו זיין אין די הכנה למצוה**

דאס לערנט אונז די תורה ביי די מצוה פון תרומת הדשן. יעדן טאג אינדערפרי, האט מען אנגעהויבן די סדר עבודה אין בית המקדש דורך תרומת הדשן, וואס לויט ווי דער **ספר החינוך** לערנט אונז איז דאס געווען ווי א הכנה און א הקדמה צו קענען אנצינדן די פייער פונעם מערכה אויפן מזבח כדי עס זאל ברענען שענער און בעסער. אט דאס איז די פאסיגע התחלה איידער מען טרעט צו צו די עבודת היום, עוסק צו זיין אין די הכנה, אנצוגרייטן און שענער מאכן די מזבח אז מ'זאל שפעטער קענען מקריב זיין די קרבנות ווי עס דארף צו זיין.

נאך מער פון דעם, ווי באקאנט געפונען מיר אין די משנה אין **מסכת יומא** אז דער אופן וויאזוי מ'האט זוכה געווען צו קענען טוהן די עבודה פון תרומת הדשן איז געווען דורכדעם וואס די כהנים זענען ארויפגעלאפן אויפן כבש כדי צו כאפן די מצוה, און וועלכע כהן ס'איז אנגעקומען ערשט צו די אויבערשטע טייל פונעם כבש, דער האט זוכה געווען אין די מצוה. מען קען אפשר ערקלערן אז דאס איז אלעס געווען כדי מעורר צו זיין און אנצינדן די התלהבות אין די כהנים, מען האט געדארפט לויפן מיט א ברען און משתוקק זיין צו קענען צוגיין צו די מצוה, וואס דאס אלעס איז א חלק פון די שורש און תכלית המצוה, ארויסצוברענגען אונזער קשר און אונזער חביבות צו קענען אריינכאפן א מצוה.

און טאקע דערפאר זאגט די תורה "צַו" אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר, א לשון זרוז מיד ולדורות, ווייל דאס איז דער שליסל צו קיום התורה והמצוות במשך אלע דורות, דאס זיך אנשטרענגען און מזרז זיין און אריינלייגן כוחות אנצוגרייטן די מצוה, רייניגן די מזבח, אוועקטראגן די אַש; וואס דאס אלעס זעהט אויס ווי קליינע און נישט-חשוב'ע זאכן, אבער באמת איז עס גאר גרויס און טייער ווייל אין דעם שטעקט אונזער קשר און שייכות מיט עבודת השי"ת, וואס מער מיר זענען מחשיב די מצוה און טוען אלע פרטים און אלע קלייניגקייטן ארום און ארום מיט א התלהבות דקדושה און מיט א השתוקקות, אלס מער וועלן מיר זוכה זיין מרגיש צו זיין דער טעם המצוה און די מתיקות העבודה.

און דאס קען זיין דער ענין פון די נס וואס האט פאסירט יעדן טאג מיט דאס ביסל אַש וואס מ'האט אראפגענומען פון די מזבח, טאקע כדי צו ווייזן די חשיבות און די וויכטיגקייט פון אט די קליינע מצוה וואס איז נישט מער ווי די הכנה אנצוגרייטן די מזבח, אבער ענהאלט אין זיך דעם גאנצן יסוד צו די איבריגע עבודה און די קיום המצוות וואס ווערן געטוהן אויפן מזבח.

**שבת פרה איז א זמן אויפצופלאַקערן דעם אינערליכן פייער**

בדרך רמז קען מען צולייגן, אַש איז אויך מרמז אויף א באהאלטענע פייער וואס ליגט אינעווייניג, ווען מ'בלאזט און מ'שאַרט ארום אין די אַש קען מען אויפפלאקערן דעם אינערליכן פייער וואס געפונט זיך דארט. דאס איז די מוסר השכל וואס מיר דארפן ארויסנעמען פון די מצוה פון תרומת הדשן, אויפצופלאקערן און אנצינדן אונזער פנימיות, אונזער חלק אלוקי ממעל און אונזער נשמה פלאם וואס וויל ברענען מיט א התלהבות דקדושה ווען מען טוט א מצוה. זוכן מיט וואס מיר קענען ברענגען נענטער אונזערע הערצער צו שפירן א שייכות און א נאנטקייט מיט די מצוה דורך אריינלייגן כוחות און עוסק זיין אין הכנה און זיך גרייטן דערצו מיט א ברען.

און ווי דער **ישמח ישראל** ברענגט אין פרשת פרה בשם **הרה"ק דער מעזריטשער מגיד זי"ע** וואס האט געזאגט **"וואו געפונט מען פייער? אין אַש"** (אזוי ברענגט דער ישמח ישראל לשון קדשו אויף אידיש) אז אַש איז מרמז אויף פייער, און דעריבער איז די 'אֵפֶר פָּרָה' די אַש פון די פרה אדומה -וואס מיר ליינען דערוועגן אין שבת פרה- מסוגל מעורר צו זיין די הארץ פון א איד צו קענען מקבל זיין די הייליגע פייער און התלהבות פונעם יום טוב פסח הבא עלינו לטובה, **"שאפר פרה היא הכנה לקבל התלהבות רשפי אש שלהבת השם ואורות הרגל"**.

און לעניננו ווי מיר האבן געשמועסט, איז דאס טאקע די גרעסטע טהרה מיט וואס א איד קען זיך רייניגן און אנצינדן זיין הארץ צו קענען שפירן א טעם און א לעבטיגקייט אינעם יום טוב און אין עבודת השי"ת, דורכ'ן עוסק זיין אין תרומת הדשן, די קליינע פעולות פון הכנה און פון שייכות צום מצוה וואס וועלן בעזהשי"ת אויפפלאקערן זיין אינערליכע פייער און געפיל און ארויסברענגען די רשפי אש שלהבת השי"ת, און עס וועט מקויים ווערן **אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד וגו' לֹא תִכְבֶּה**, עס וועט ברענען אין אונז אן אייביגע פייער וואס וועט נישט פארלאשן ווערן!.

לסיכום געדענק:

- פורים איז א זמן ווען ס'ווערט נתעורר "הדר קבלוה מאהבה" און אין אלע דורות קריכט מען דעמאלטס ארויס פון די התיישנות און פארשלאפנקייט אין תורה ומצוות.
- מען קען נישט האבן קיין חיות און תענוג אין צוויי פארקערטע זאכן. עס איז אדער אין רוחניות אדער אין גשמיות.
- מיר דארפן עוסק זיין אין הכנה למצוה, און אריינלייגן כוחות און פעולות פון א מצוה, און זוכן צו ברענגן נענטער אונזערע הערצער צו שפירן א שייכות און א נאנטקייט מיט די מצוה.

## א לעבטיגע שבת קודש!